16
פרשת שופטים
Aug. 9 2026



שכונת ויואל משה
# קיפקע
דיין לאקאלער צירקל
letters@svmkipka.com • 845.682.1282



# שכן צו שכן

לכבוד די רעדאקציע, ביטע לייגט אריין מיין בריוו אין אייער אויסגאבע. היות איך בין נישט קיין שרייבער פון פאך אויס, בעט איך אייך איבערצואַרבעטן די לשונות כדי עס זאל ווערן ליינבאר פארן עולם. איך וויל ארויסברענגען מיין נקודה און הערן וואס דער עולם האלט דערוועגן.

איך וויל הערן דעם דעת הציבור בנוגע די הייזער וואס האבן א "שערד ענטרענס". איך גלייב אז איך בין נישט דער איינציגסטער וואס האלט אזוי, און אפשר וואלט מען טאקע דאס געדארפט אויפברענגען ביי א קאנדא מיטינג.

איך קום ארגינעל פון וויליאמסבורג, וואו איך האב געוואוינט אין א בילדינג מיט בערך צוואנציג איינוואוינער. די מעלות פון וואוינען אינאיינעם זענען געווען אסאך, סיי זומער און בעיקר ווינטער ווען מען קען נישט פארברענגען אינדרויסן אויף די גאסן; מען פלעגט זיך שיין פארברענגען אינאיינעם ווארטנדיג אויפ'ן באס אדער נאכ'ן באס, און די קינדער פון די שכנים פלעגן שפילן צוזאמען אין די האלוועיס.

טראץ דעם זענען די דירות געווען פריוואט און באשיידן, מען האט כמעט גארנישט ארויסגעהערט פון איין דירה צום צווייטן (אפשר ווייל די טירן זענען געווען פון אייזן און סאונד-פרוף). עס איז מיר דעמאלטס בכלל נישט בייגעפאלן אז א פריוואטע ענטרענס האט עפעס א מעלה מער ווי א שערד ענטרענס, אדער אז א שערד ענטרענס האט עפעס א חסרון.

אבער ווען מיר האבן זיך ארויסגעצויגן קיין קרית יואל, דא אין די שכונות ויואל משה געגנט, בערך דריי יאר צוריק, אין א דירה וואס האט בלויז פיר שכנים מיט א "שערד ענטרענס", האב איך באמערקט א געוואלדיגע חסרון אין די סיסטעם - רוף עס ווי אזוי דו ווילסט - סיי מצד די מענעדזשמענט און סיי מצד די רייניגונג דא אין שטאט. איך האלט אז אויב די זאך וועט זיך טוישן און מען וועט עס אנהייבן נאכצומאכן אזוי ווי אין וויליאמסבורג, וועט א "שערד ענטרענס" האבן בלויז מעלות.

דאס אלעס ווענדט זיך אין די פראגע ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר די רייניגן און זויבערקייט אין די האלוועיס. אין וויליאמסבורג - אדער בכלל אין די סיטי - איז די סיסטעם אז די מענעדזשמענט רייניגט די האלוועי' די גאנצע וואך, און איין אדער צוויי מאל א יאר, למשל פאר פסח, וועקסט מען די פלאר. בערך יעדע צוויי-דריי יאר פעינט מען איבער די האלוועי' און מען פיקסט אלעס איבער, כדי עס זאל נישט זיין קיין דעמעדזש און אלעס זאל געהאלטן ווערן זויבער און שיין.

דא ביי אונז איז אבער די מעשה אנדערש; די גאנצע אחריות פאר די זויבערקייט פאלט אויף די שכנים אליין, און ווער עס וואוינט אין א "שערד ענטרענס" ווייסט זייער גוט די חסרונות פון זיך דארפן אליין ברעכן דעם קאפ און זיך איינטיילן אין די קלינען. אזוי אויך ווערט עס כמעט נישט געסקרעיפט אדער איבערגעפעינט, און עס זעט שוין אויס ווי מען וואוינט דא צענדליגער יארן, ווען באמת איז עס קוים אלט דריי מיט א האלב יאר.

דערפאר וויל איך הערן דעם עולם'ס מיינונג: פארוואס זאל מען דא ביי אונז נישט איינפירן אזוי ווי מען פירט זיך אין שטאט? מיר וואלטן אפילו געווען גרייט צו צאלן אביסל מער פאר די מענעדשמענט, כדי זיי זאלן איבערנעמען דעם גאנצן עול, פארוואס זאל דער עול פאלן אויף יעדן תושב באזונדער? אין וויליאמסבורג, אויב מען דארף עפעס פאררעכטן אין די האלוועיס, איז די מענעדזשמענט פאראנטווארטליך. איך

בס"ד

# Always the right solution.

MAKE 15+ WORDS FROM THE WORDS

**אייביג גרייט צו העלפן**

| | | |
|---|---|---|
| 1 יא | 10 | 19 |
| 2 אלע | 11 | 20 |
| 3 | 12 | 21 |
| 4 | 13 | 22 |
| 5 | 14 | 23 |
| 6 | 15 | 24 |
| 7 | 16 | 25 |
| 8 | 17 | 26 |
| 9 | 18 | 27 |




faigyporgesz.com

FUNTAZZ

מיר זענען אלעמאל דא מיט ענטפערס.

קינדער, קענט איר געפינען 15 אדער מער ווערטער?

Create 15 or more words from the letters provided, then submit your completed puzzle for a chance to win a $25 Funtazz gift card.

**Bonus:** Find 25 words and get a double entry into the raffle!

## SEND US YOUR WORDS TO ENTER THE RAFFLE:

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Send it to us: Whatsapp to 845.775.4175, fax to 845.775.4185 or email to info@bgprx.com

**Name** ______________________

**Phone** ______________________

**Email** ______________________

The raffle will be held on Monday, Aug 17, ד' אלול

Congrats to our maze winner: בעריש לויפער

שמואל יוסף זאלדאן

**Blooming Grove PHARMACY**

**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

# שכן צו שכן

בין זיכער אז עס זענען דא נאך מענטשן וואס האלטן אזוי ווי מיר, פונקט ווי עס זענען זיכער דא אזעלכע וואס האלטן פארקערט. דעריבער וויל איך הערן וואס איז די דעת הקהל. פיל הצלחה.

א גוטן. ביטע ארייננלייגן ביי "שכן צו שכן".
איך האב געוואלט וויסן אויב איינער ווייסט וואס עס קען זיין די סיבה אז אן עלעקטריק ביל זאל קאסטן צווישן $250 און $300 א חודש פאר א יונג פארפאלק אין א פיר-רומיגע דירה דא אין שכונה, בשעת מען איז כמעט נישט אינדערהיים און מען לעשט אלעס אויס, ארייגערעכנט די פלאגס און אפלייענסעס וואס מען נוצט נישט.
אויב איינער ווייסט וואס די סיבה קען זיין, זאל ער דאס ביטע צוריקשרייבן. יישר כח.

יא, גוטן. איך וואלט געוואלט איבערלאזן א מעסעדזש וואס איז מעגליך ארייננצולייגן אין די "שכן צו שכן" אפטיילונג.
וויבאלד מיר וואוינען דא אין א געשמאקע, רואיגע געגנט, מאכט זיך ביי די איינגענעמע וועטערס אז מען נוצט עס גוט אויס און מען טרעפט זיך א פארטנער ארויסצוגיין שפאצירן אין די רואיגע נאכט שעה'ן. עס איז זייער געזונט און עס גיט טאקע א פרישקייט אנצוגיין ווייטער; עס גיט כח פאר די אידישע מאמעס אויף נאך א פאר יאר.
לאמיר אבער נישט פארגעסן דעם עיקר פון א אידישע טאכטער, און פארן ארויסגיין זיך געבן א שנעלע טראכט: איז עס נישט פונקט אין א צייט וואס פיל מענער קומען און גייען פון שול? בין איך אנגעטון איידל געגוג לויט די הלכה? ווי אויך זאל מען געדענקען צו גיין אויף אן איידעלן אופן, נישט רעדן צו הויך, און זיך נישט אויסשמועסן אין א פלאץ וואו פיל מענער גייען דורך.
דער אויבערשטער זאל שיקן פאר אלע אידישע קינדער א גוט געבענטשט יאר און הצלחה פאר יעדן איינעם. יישר כח פאר די שיינע אויסגאבע און פאר די וויכטיגע אפטיילונג.

לכבוד מיינע טייערע שכנים,
מיר וואוינען קע"ה אסאך משפחות אין איין האלוועי און מיר ווילן אלע אז עס זאל זיין ריין.
יא, עס איז ב"ה דא א קלינינג קאמפאני ביי אונז צוויי מאל א וואך, אבער דאך, צווישן איין קלינינג און דעם צווייטן זאל עס אויך אויסזען מענטשלעך.
דעריבער וויל איך בעטן בכל לשון של בקשה בשם אלע שכנים: ביטע רוימט נאך אייערע קינדער'ס שמוץ. כאטש אויבנאויף: סנעק בעגס, פאקסי רעפערס, ברויט, יוגורט קאפס, טעלערס און אזוי ווייטער.
אויב האט איר ארויסגעשיקט אייער קינד מיט א פרישטאג, ביטע גייט זוכט וואו די שיריים ליגן, ווייל מעגליך ליגט עס ביי אייער שכנ'ס טיר, צומאל אפילו עטליכע שטאק ווייטער פון וואו איר וואוינט, און צומאל איז עס שוין אפילו ארומגענומען מיט מורישקעס...
עס איז פשוט נישט מענטשליך ארויסצושיקן קינדער מיט עסן אן נאכצוקוקן וואו די שמוץ איז געבליבן. אזוי וועלן מיר אלע בעזהשי"ת קענען ענדזשויען א ריינע האלוועי און דאס געלט וואס מען צאלט פאר די קלינינג פירמע וועט זיך טאקע לוינען.




קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
845.512.5555
carsafe

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונתינו

## שאלה?

**די גמ"ח אין אין בית המדרש ישראל שלום האט אינדרויסן ביים פענסטער פעדערס און ענוועלאפס. מעג מען עס נוצן פאר פריוואטע באנוץ אדער נאר פאר צרכי גמ"ח?**

## תשובה!

**מען טאר נישט נוצן יענעמס א זאך אפילו אין פאל מען ווייסט אז אויב מען וואלט אים געבעטן רשות וואלט ער געגעבן.**

(הערה פון מערכת: די פעדערס פון גמ"ח אין בית המדרש ישראל שלום האט ר' יואל יערמיאש הי"ו מנדב געווען בנדבת לבו הטוב, אז יעדער קען עס נוצן פאר סיי וועלכער געברויך. די ענוועלאפס איז בלויז לצורך פון די גמ"ח).








Willow
DOULA CARE
Compassionate care.
Peace of mind.
SUPPORTING YOU WITH HEART,
EVERY STEP OF THE WAY.
A gift FOR EVERY CLIENT
FOR A GIRL
Complimentary ear piercing
FOR A BOY
A special keepsake gift
We're here for you.
845-324-3668
SERVING WITH HEART.
HERE FOR YOU.
EXIT 17
Main St
1 MILE
אייער פריינט
תושב השכונה




PROFESSIONAL IN-HOME ORGANIZING
• Your Home
• Offices
• Kallah Apartments
Watch your space transform
into what you always wished...
R.S. Weinberger
845 248 6462




THE RESERVE
*CURATED FINE WATCHES
& DESIGNER HANDBAGS*
LOCATION: 7 BEER SHEVA, UNIT 401
PRIVATE SHOWROOM: BY APPOINTMENT ONLY
SCHEDULE YOUR PRIVATE VIEWING
8456629800

**ווען איז א פראבלעם מיין אחריות, און ווען באלאנגט עס פארן מענדשמענט?** איך וואוין אין א קאנדאו און איך צאל יעדן חודש די מענעדזשמענט ביל. לעצטנס האב איך געהאט א פראבלעם ביי מיר אין דירה, און איך בין נישט געווען זיכער אויב איך דארף אליין רופן איינעם עס צו פיקסן, אדער אויב דאס איז די אחריות פונעם קאנדאו. ווי אזוי ווייסט מען בכלל ווען א פראבלעם איז מיין אייגענע אחריות אלס בעל הבית פון די דירה, און ווען איז עס די דאגה פונעם קאנדאו מענדשמענט?

דאס איז טאקע איינע פון די מערסט אפטע שאלות וואס קאסטומערס פרעגן, און דער ענטפער איז נישט שטענדיג אזוי גלאטיג.

אין א קאנדאו זענען דא זאכן וואס די אחריות פאלט קלאר אויפ'ן אייגנטימער פון די דירה. למשל, א פראבלעם מיט א טוילעט, א סינק אין קאך, א טיר אדער א וואנט, אדער סיי וואס פארא זאך וואס דינט נאר די ספעציפישע דירה. אין אזא פאל איז די אחריות פונעם בעל הבית דאס צו פאררעכטן און באצאלן דערפאר.

אבער פון די אנדערע זייט זענען דא זאכן וואס סערווירן יעדן איינעם פערזענליך אבער דורך די גאנצע בילדינג, ווי למשל: דער דאך, געוויסע הויפט פייפס (main lines), די סיסטעמען פון הייס וואסער און סטים, אדער עלעקטריק וואס זענען שייך פאר אלעמען. אזוי אויך די עלעוועיטארס, די לאבי, פארקינג, און אנדערע "קאמאן עריעס" (common areas).

דא ווערט עס אינטערעסאנט: וואס טוט מען ווען א פראבלעם באווייזט זיך טאקע אינעווייניג אין א דירה, אבער די סיבה פונעם פראבלעם קומט פון א סיסטעם וואס באלאנגט פאר'ן גאנצן בילדינג? למשל, עס קומט אריין וואסער אין די דירה, אדער א פראבלעם אינעם דאך. אין אזא פאל קען דער פראבלעם זיין אינעם אייגנטימער'ס דירה, אבער די אחריות עס צו פאררעכטן קען ליגן ביים קאנדאו.

אבער אויב דער בעל הדירה איז שולדיג אינעם פראבלעם, דארף ער עס באצאלן; למשל, אויב מען האט געארבעט אויף א וואנט און געשעדיגט א זויל (beam) אדער א פייפ.

UTMOST MANAGEMENT

אט דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס א גוטע מענעדזשמענט איז אזוי וויכטיג. מען קען נישט סתם ענטפערן "דאס באלאנגט פאר דיר" אדער "דאס איז אויף אונז"; מ'דארף קודם דערגיין דעם שורש פונעם פראבלעם, גוט אריינקוקן אין די "דעקלערעישאן" פונעם קאנדאו, און ערשט דערנאך מחליט זיין ווער עס איז פאראנטווארטליך.

א גוטע מענעדזשמענט העלפט דעם בעל הדירה צו פארשטיין דעם חילוק, ווייל דער גאנצער ציל איז דאך נישט בלויז צו פאררעכטן די פראבלעמען, נאר אויך צו פארמיידן אז א קאסטומער זאל דארפן צאלן פאר עפעס וואס איז למעשה די אחריות פונעם קאנדאו. אזוי אויך פארקערט, צו פארמיידן אז די קאנדאו זאל דארפן באצאלן פאר א פראבלעם וואס א יחיד האט אנגעווערטשאפט.




סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

יואל מארקאוויטש
845-324-0063
תושב שכונות ויואל משה



PULL UP A CHAIR.
SAVINGS ARE SERVED.

# DINETTE SAVINGS

# 15% OFF

ALL DINETTES

SPECIAL PROMO
FOR SHCHINES V'YOEL MOSHE RESIDENTS

845.244.9007 : 546 NY 17-M STE 1, Monroe, NY 10950 : arturodecor.com

arturò
DECOR

joy2media.com






Carrying a full line of MIDJ

Carrying a full line of calligaris

Create your ideal **dining space** with custom & semi-custom tables and chairs designed around your home and lifestyle.

arturo


בע"ה
אייער פריינט
תושב השכונה
ס'פליט שוין!
ביי משפחות
פילעפף
6 BEER
SHEVA ST
#302
8457991416
Call or Text
3475850690
New
Start crafting today!
The Sukkah Star
845-492-2071 - Craft10950@gmail.com




סופר סת"ם
ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים
ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין
יואל מארקאוויטש
845-324-0063
תושב שכונות ויואל משה

# א בעיבי דערשטיקט זיך ח"ו

אלעס אין שטוב איז רוהיג. עס איז א סצענע וואס קען זיך טוישן פון א געהעריגן, רואיגן טאג צו א שרעקעדיגע מעשה אין בלויז עטליכע סעקונדעס. א קליינע בעיבי זיצט אדער ליגט זיך רואיג, און פלוצלינג הייבט ער זיך אן צו דערשטיקן. ער מאכט נישט קיין קולות, ער וויינט נישט! די עלטערן זענען גלייך אז עפעס טויג נישט, מען פאלט אריין אין א פאניק.. מען רופט גלייך הצלה, און ביז די הצלה לייט קומען אן, פילט זיך יעדע סעקונדע ווי א גאנצע אייביגקייט.

וואס פאסירט ווען די הצלה מעמבערס קומען אריין?

די ערשטע זאך וועט מען שנעל אפשאצן דעם מצב פונעם בעיבי. די ערשטע זאך וועט ער געבן א באריכט פאר'ן דיספעטשער דער מצב, כדי צו וויסן וואס נאך ער דארף אלץ שיקן צוהילף. ווי צ.ב.ש. אן אמבולאנס, פארמעדיק. מען וועט קוקן אויב דער בעיבי אטעמט, אויב ער קוויטשט, אויב ער וויינט אדער הוסט, און אויב ער איז ביי זיך און רעאגירט. ביי א בעיבי וואס קען נאך הוסטן אדער וויינען, וועט די באהאנדלונג זיין אנדערש ווי ביי א בעיבי וואס קען בכלל נישט אטעמען און איז אינגאנצן דערשטיקט ל"ע!

וואס איז דער פראבלעם פון זיך דערשטיקן? יעדע מענטש האט א רער - ווי א פייפ - גערופן אין לשון הקודש "קנה". אויב עפעס איז אריין אינעם פייפ פון וואס מען אטעמט, מיינט דאס אז דער מענטש קען ל"ע נישט אטעמען, עס קומט נישט צו קיין אקסיגען, וואס קען זיך ל"ע ענדיגען פאטאל אויב עס ציט זיך פאר אפאר מינוט.

דערפאר ביי אזא סארט סצענע, אויב דער בעיבי קען נישט אטעמען און עס זעט אויס ווי א פולער פאל פון דערשטיקן, אז עס גייט גארנישט דורך קיין לופט צו אטעמען, וועט די מעמבער גלייך אנהייבן טון די ריכטיגע מיטלען אז עס זאל ארויסקומען די זאך אויף וואס ער דערשטיקט זיך לויט ווי זיי זענען טרענירט און לויט די EMS פראטאקאלן. ביי א קליינע בעיבי ניצט מען ספעציעלע טעכניקן, וואס נעמט אריין קלאפונגען אויפן רוקן און דרוקן אויפן ברוסט-קאסטן. דער ציל איז ארויסצושטויסן דעם חפץ וואס פארשטאפט די לופט פייפ און צוריקגעבן פארן בעיבי די מעגליכקייט צו אטעמען געהעריג. ווען ביי ערוואקסענעם טוט מען "היימליך מאנווער" ווי מען וועט אויסשמועסן קומעדיגער וואך אי"ה.

עס איז גאר וויכטיג צו וויסן אז ביי א בעיבי קען מען נישט סתם טון דאס זעלבע וואס מען טוט ביי אן ערוואקסענעם. דער גוף איז פיל קלענער און מער צארטליך, און ממילא זענען די מיטלען אינגאנצן אנדערש. דערפאר איז כדאי פאר יעדן וואס האט קליינע קינדער אין שטוב צו נעמען אן Infant CPR און Choking קורס, כדי צו קענען די ריכטיגע שריט בשעת א נויטפאל.

בשעת איין הצלה מאן ארבעט אויפ'ן בעיבי, וועט דער צווייטער מעמבער וואס קומט אן זיך אפגעבן מיט די איבעריגע וויכטיגע זאכן און צוגרייטן די נויטיגע עקוויפמענט אויב דער מצב פאדערט עס. אמאל וועלן זיי אויך געבן אקסידזשען אדער נוצן אנדערע EMS עקוויפמענט לויט'ן וואס עס פעלט אויס. אריינגערעכנט ווען א פארמעדיק קומט און האט ספעציעלע עקוויפמענט ארויסשלעפן אביעקטן פון די האלדז.

אבער מען דארף געדענקן א גאר וויכטיגע נקודה איז וואס מ'טאר נישט טון: מען לייגט נישט אריין קיין פינגער אין מויל און מ'פרובירט נישט "בלינדערהייט" ארויסצוכאפן עפעס וואס מ'זעט נישט קלאר. דאס קען חלילה אריינשטופן אלס דעם אביעקט נאך טיפער. נאר אויב עפעס ליגט קלאר אינדרויסן און מ'קען עס גרינג ארויסנעמען מעג מען עס טון, אבער מען מאכט נישט קיין "פינגער סוויפ" אויף א בלינדן אופן. דערפאר איז גוט אריינצוקוקן גוט אין די מויל, בעסער מיט א פלעשלייט צו זעהן אויב מען זעעט עפעס.




בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.

845.666.8455

swifly
On Demand Messenger

# און די
# געווינער
# זענען!

| | |
|---|---|
| **Feldman** | **845.784.2592** |
| **Berger** | **929.276.5585** |
| **Brach** | **845.781.7304** |
| **Aron** | **845.238.4373** |
| **Silber** | **845.655.7289** |



# קלאסיפיידס

איך וויל ענטפערן דעם וואָס האָט
געפרעגט וועגן ביליגע שעלווינג.
איך בין געווען זייער צופרידן מיט
**Uptip Closets**. עס איז אַ אידישע
פירמע, זיי טאָן אַ פּינקטלעכע און
פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, און האָבן
זייער גוטע פּרייזן. זייער נומער איז:
.845-662-3395

א משפחה שמחה דא און
געגענט? רעזערווירט אויף
פאראויס. א אויסגערישטע דירה
מיט 4-5 בעטן צו פארדינגען
אינמיטן די שכונה. טאג/וואך,
אויך א 1 רום נאר שלאפן.
917-613-6622

**New!**
your favorite Tahua and
Crops products
now in SVM.
**Discounted pricing.**
**Free Delivery.**
**845-796-8798**

**Drop in and**
**Overnight Babysitter.**
Located on Ungvar Street.
**Faigy Kleinman,**
**Call/ Text**
**845-537-9109**




**Experience Babysitter.**
$10 For Drop-ins,
$120 a night,
and $800 for a week.
**Call 845-394-4751**

עס גייט זיך עפענען א מתמידים כיתה ג' פאר יעדן
טאג פון פינף ביז זעקס. סדר הלימוד חמשה חומשי
תורה, אין א סדר אנגעהויבן פון בראשית. ווער ס'איז
אינטערעסירט ביטע רופן 845.238.7499.



בס"ד
NESHER
TOYS
מען שפארט
גרויס
ימים טובים
בוקס | טויס
ספרים
נישט בלויז א סעיל. די פרייזן
אפן טעגליך פון זונטאג ראה, כ"ו אב | 11:00 צופרי


נשר
NESHER JUDAICA
2 Prag Blvd. | 845.782.7001
תושבי שכונת
ויואל משה!
סיינט אייך אויך אין סטאר
צו באקומען די כסדר'דיגע
נשר מציאות אפדעיטס און
באקומט אן עקסטערע
10% off
אויף אייער ארדער די
גאנצע וואך פון פרשת
כי תצא
בלייבן נידעריג - א גאנץ יאר!
ביז 10:00 ביינאכט - פרייטאג 11:00 צופרי ביז 2:30

# Vibrant Health

Live Vibrant • Live Well

VITAMINS | SUPPLEMENTS | WELLNESS

## GREAT GRAND OPENING SPECIAL

| BUY $100 | BUY $200 |
|---|---|
| GET 10% OFF | GET 20% OFF |

**SPEEDY FREE DELIVERY**

**NO MINIMUM!**

*Call or Text*

**845-351-1122**

*We are just a call or text away!*

**BETTER HEALTH. BETTER LIFE. VIBRANT YOU.**

Your local source for health, wellness, and vitality.

אייער פריינט יואל יצחק פישער

אייער פריינט
תושב השכונה